STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03336

LIDER

Bernard Varsha

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער

פון

בערנאַרד וואַרשאַ

אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע אַרבעטער פון
לענין ברענטש אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן.
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניא, אוגוסט, 1931.



בערנאַרד וואַרשא

פֿאָרוואָרט

בלויז אַ קורצן איבערבליק איבער חבר ב. וואַרשאַ. ווער איז דער חבר — דער שרייבער פֿון דעם בוך?

פֿאַר דער לינקער באַוועגונג — אָדער בעסער געזאָגט — פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער באַוועגונג אין לאָס אַנדזשעלעס קאַליפֿ., איז חבר בערנאַרד וואַרשאַ אַ זייער באַקאַנטער און באַליבטער חבר, אַ גוט־מוטיקער, פֿול מיט הומאָר, סאַטירע און מיט אַ רעוואָלוציאָנערן שאַרפֿזין.

זיין פֿאַרבינדונג מיט דער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקאַ ציט זיך שוין אַריבער 42 יאָר. כמעט פֿון די פּיאָנערן אין דער ס. ל. פּ. 32 יאָר גע־שטאַנען לאָיאַל צו דער ס. ל. פּ.'ער באַוועגונג; כמעט אַלע יאָרן, אין וועל־כער שטאָט ער איז געווען, איינער פֿון דער עקזעקוטיווע. איבער זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט אין סופּיריער וויסקאָנסין האָבן די קריסטלאַכע און אידישע בורזשואַזיע זיך פֿאַראייניקט קעגן אים און אים באָיקאָטירט, און אַפֿילו ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן קיין עסנוואַרג.

חבר וואַרשאַ האָט אין 1905 זיך באַזעצט אין סאַן אַנטאָניאָ, טעקסעס, און האָט אָנגעפֿאַנגען אַ קאַמף קעגן ציוניזם, וועלכער האָט זיך פֿאַרשפּרייט נאָך דעם קעשיניאָווער פּאָגראָם. חבר וואַרשאַ האָט אָנגעפֿירט אַ דריי־פֿאַכיקן קאַמף: קעגן דער ס. פּ. פּאַרטיי, ציוניזם, און קעגן דער אידישער אַריסטאָקראַטיע. אין 1908 איז חבר וואַרשאַ געווען דער קאַנדידאַט פֿאַר לוטענאַנט־גאָווערנאָר אויף דעם ס. ל. פּ. טיקעט. אונטערן נאָמען ב. וואַר־שאַווסקי, אָדער „בערנאַרד“ האָבן זיך געדרוקט זיינע דערציילונגען, סקיצן, פֿעליטאָנען אין דער אַמאָל געוועזענער „אַרבעטער צייטונג“, נאָכדעם אין „וואָלקס בלאַט“ פֿון דער ס. ל. פּאַרטיי.

חבר וואַרשאַ, זייענדיק אַ רעוואָלוציאָנער, יונג, מיט ליטעראַרישער אַמביציע, האָט נאָך אין יענער צייט זיך פֿאַרמאָסטן צו קעמפֿן קעגן דעם רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן, וועלכער איז אויך שפּעטער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פֿון געלן „פֿאָרווערטס.“ דאַמאָלס האָט „פֿיליפּ קראַנץ“ געשטיצט דעם יונגן קעמפֿער אין זיין גערעכטן קאַמף. אַפֿילו קעגן דעם זיידן ווינטשעפֿסקי, וועל־כער איז אַוועק צו דער ס. פּ. און געוואָרן דער גרינדער פֿון דעם „פֿאָרווערטס“ מיט די קאַהאַנס . . . (צום קרעדיט פֿון ווינטשעפֿסקיס טרייהייט דער אַרבע־טער באַוועגונג, האָט ווינטשעפֿסקי דערזעען דעם פּנים פֿון „פֿאָרווערטס“ מיט דער ס. פּ. און האָט מיט פֿאַראַכטונג זיי פֿאַרלאָזן און איז ביז היינטיקן טאָג אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי).

קומענדיק אין דער זוניקער קאַליפֿאָרניאַ, אין לאָס אַנדזשעלעס, ווערט

וואַרשא אַקטיוו אַף יעדן געביט פון געזעלשאַפטלאכער און אַרבעטער טעטיקייט; ווערט מיט־רעדאַקטאָר אין דער „אידישער צייט“, טעגלאכן „שטערן“ ווערט אַ באָארד מעמבער פון דעם אידישן סאַניטאַריום, אין דעם אַרבעטער רינג, אין איינעם פון די גרעסטע ברענטשעס סעקרעטאַר, אָדער ווי זיי פלעגן אים רופן: דער פרעמיער פון ברענטש.

ווען די אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט פאַרניכטעט דעם צאַריזם, מענשעוויזם און קאַפיטאַליזם פון רוסלאַנד, און די אַרבעטער פון אַמעריקע, ווי אין יעדן לאַנד אַף דער וועלט זיינען מיטגעריסן געוואָרן אין דעם היסטאָרישן קאַמף, איז ב. וואַרשא גלייך געוואָרן טעטיק, און איי געוואָרן איינער פון די גרינדער פון דער פיפעלס רעליעף, און זיך פאַראייניקט מיט די לינקע עלעמענטן. ווען דער אַרבעטער רינג איז פיינטלאך געוואָרן צו דעם וואוקס פון די לינקע איז ב. וואַרשא געשטאַנען אין זיין ברענטש און געקעמפט פאַר דער לינקער באַוועגונג אין אַרבעטער רינג. ביז ער האָט מיטגעצויגן אַלע לינקע פון דעם ברענטש און זיינען אריין אין לענין ברענטש, וועלכער איז איצט איינער פון די וויכטיקע ברענטשעס נומ. 51 פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. און ווי מיר האָבן געקאנט דערוואַרטן, איז חבר וואַרשא אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון דעם יאָר 1925.

אָט איז אַן אייגן־אַרטיק קורצער ביאָגראַפישער שטריך פון אַן אַרבעטער, וועלכער איז איינער פון די ערשטע פיאָנערן אין דעם קלאַסן קאַמף אין אַמעריקע.

פילע פון זיינע לידער אין דעם בוך זיינען געזונגען געוואָרן ביי קאָנצערטן, אונערנעמונגען, און זיינען האַרציק אַפלאָדירט געוואָרן פון די אַרבעטער מאַסן.

זיינע נאָענטערע חברים פון לענין בר. אינטערנאַצ. אַרבעטער אָרדן האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן זיינע לידער. דער שענסטער און כאַראַקטעריסטישער שטריך איז, וואָס בא דעם שרעקלאכן קריזיס וואָס מיר לעבן איצט איבער, האָבן צענדליקע חברים אָפגעשפּאָרט פון דעם לעצטן און מעגלאך געמאַכט די דערשיינונג פון ב. וואַרשא׳ס בוך.

מיר ווינשן חבר ב. וואַרשא נאָך פיל יאָרן פון לעבן און קאַמף, און אין ליטעראַרישער שאַפונג.

פאַר דער גרופּע אַרבעטער קאָמיטע:

דר. זאַנוויל קליין.

אָקטאָבער, 1931, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניא.

אינם שטראַל

שטאָט און פעלד
די גאַנצע וועלט,
אָנגעצונדן — האָט אַ פייער!
פרייע לידער,
מענטשן־ברידער,
— פאַר אַ נייער וועלט אַ פרייער!

שטראַלט דער מאָרגן,
נאָך די זאָרגן,
וועקט די מאַסן, זייט־באַ־זייט!
זון אַ נייע,
הערצער פרייע,
— רופט צום זיגן דורכן שטרייט!

און אין שטרייטן,
ברעכט מען קייטן,
צינט מען פאַקל־פייער אָן!
זינגען מאַסן,
אין די גאַסן,
— פלאַטערט הויך די רויטע פאָן!

רויטע יאטן

(מארש)

פרייליך, מוטיק, קעמפער, יאטן!
איצט איז אייער שטרייט,
גורט זאך אן — צום קאמף סאלדאטן!
צום זיג איז גארניט ווייט. . .

בום,בום,בום־בום-בום,
פרייהייט, עבאס, אומעטום,
איינס, צוויי, טריט־נאך־טריט,
דריי, פיר, שריט-צום־שריט! . . .

שוין ערוואכט האט אייער מארגן!
מאכט א סוף צו נויט און זארגן!
צינט די פאקלען, טראגט פלאקאטן!
מונטער, פריילעך, קעמפער-יאטן;

קלאפט די פויקן, קלינגט די טאצן!
מארשירט צום טריאומף אין אלע גאסן!
ארום פאבריקן, ארום פאלאצן!
ארבעטער פון אלע ראסן! . . .

בום,בום,בום־בום-בום,
פרייהייט, עבאס, אומעטום,
איינס, צוויי, טריט־נאך־טריט,
דריי, פיר, שריט-צום־שריט! . . .

בלוט־געזאפטע, ערד צום זייען,
פאבריקן פארטיקע צום נייען,
אלעם פארטיק צום געברויכן;
בלויז איין שטורם און דערגרייכן! . . .

קעמפער־יאטן, רויטע פייער!
אייער צוקונפט, — אלץ איז אייער!
איר וועט בויען, אקערם גראבן;
אלץ וואס אייערס, זאלט איר האבן! . . .

בום,בום,בום־בום־בום,
פרייהייט, עכאס, אומעטום,
איינס, צוויי, טריט־נאך־טריט,
דריי, פיר, שריט־צום־שריט! . . .

דער צייטונג פאַרקויפער

„עקסטראַ! עקסטראַ! — די נייעס פון היינט!
די קאַר האָט איבערגעפאָרן,
אַ גרויז־גרויען אַלטן,
צו קיינעם באַקאַנט;
— איבער די זעכציקער יאָרן.

„פּייפּערס, פּרישע"! — שרייט ער צו יעדן,
יאָגט זאַך פון איינעם צום צווייטן,
טעגלאַכע נייעס, פון לײַדן און פרײדן;
און האַלט זאַך
— בײַ יעדן אין בעטן. . .

ער מוז זיי פאַרקויפן, ס'צווינגט אים די נויט,
ער דאַרף די פאַמיליע ערנערן,
דער דרייצן־יעריקער, שפּייזער פון ברויט;
ס'ווערט שפּעט,
— שוין שײַנען די שטערן. . .

לויפט דער „שפּייזער" פון קאַר־צו־קאַר,
צו אַ דריטער און פערטער — כסדר;
פון נויט פאַרגעסט ער דאָס גאַנצע געפאַר,
איבער דעם „שפּייזער" דעם יונגן,
— ס'טאַנצן די רעדער! . . .

זונטאג ־ מאָרגן

נאָך א טאָג
— אן אומעטיקער,
נאָך א טאָג
— א וואָלקנדיקער;
נאָך א נאכט
— פון טרוימען, זאָרגן
און באלד איז
—זונטאָג — מאָרגן. . .

נאָך א טאָג
— א טאָג פון בייגקען,
נאָך א נאכט
— פון טראכטן, דיינקען;
נאָך א טאָג
— מיין סוד פארבאָרגן
און באלד איז
—זונטאָג — מאָרגן. . .

נאָך א טאָג
— מיין הארץ וועט נאָגן,
נאָך א נאכט
— וועל איך זאך פלאָגן;
נאָך א טאָג
— און אוים די זאָרגן
און באלד איז
—זונטאָג — מאָרגן. . .

וועלט, מיר בויען דיר אַ קינד

וועלט, וואָס יאָגסטו זאַך אַזוי אַוועק מיט מיר!
האָסט מורא, כ'וועל פאַרשפּעטיקן דעם טויט?
מיט דיין לויפן, שלעפּסטו מיך דאָך אויך מיט דיר,
און איך בין פּונקט אין קאַמף,
— אָפּצושאַפן זאָרג און נויט.

2

האָב איך דען ניט אויפגעבויט וואונדער אַף דיין וועלט?
האָב איך דען ניט אויסגעגראָבן אוצרות, גאָלד און געלט?
האָב איך דען ניט באַצירט דעם קעניג''ס רייך געצעלט?
דאָך פאַר מיר מיט מיינע ארומיקע,
— האָט טרוקן ברויט געפעלט!

3

נאָר ווילסטו לויפן, טאָ נעם כאָטש מיך ניט מיט!
קאָנסט דאָך מיך ניט נעמן פון דער ארבעט אין דערמיט!
ס'איז דאָך ערשט אַ קאַמף אַ האַלבער, — ניט דערענדיקט!
כ'האָב נאָך די חשבונות ,
— מיט די רייכע ניט פאַרענדיקט.

4

זאגסט, דאָס יונגט וועט פאַרענדיקן, זי איז אַף דער וואַך!
גערעכט מיין וועלט, מוז איך דאָך זיי לערנען גוט דעם פאַך
דאַרף דאָך אַ געניטע האַנט פאַרמישן דעם צעמענט,
פאַרן פונדאַמענט. . .

נאָכדעם וועט די יוגנט בויען:
— פענסטער, דאַך און ווענט.

5

אלט, שעמסט זאך, ווילסט פון זיך אליין אוועקגיין?

גערזונטערהייט, נעם און גיי זאך דיר אוועק אליין;

אָבער, נעם זאך מיט אָט די, וואָס האָבן דאָ דיך

פּרעזענטירט,

און די מאסן, אלע ראסן,

— פונקט ווי דיך פאַרפירט!

6

נאָר איידער דו גייסט, רעכן זיך מיט אונז אפּריער אויס!

דו ווייסט, אונז קומט פון דיר נאָך גאָר אסך ארויס! . . .

גיי, מיר בויען דיר א קינד, א וועלט א נייע,

מיט א יונגן בליק. . .

אז אלץ אויף דער נייער וועלט,

— זאָל זיין פאַרן מענטשנס גליק! . . .

יונג בין איך מיט אייך

רופט דאָס לעבן, רופט צום שטרעבן!
ברויזט עס אויף מיין מוט;
לוסטיק, ליבע, קאַמף אין לעבן,
זודיק היים מיין בלוט.

ניט קוקט וואָס איך בין אַלט אין יאָרן,
איינגעבויגן איז מיין גוף;
יונג מיין הארץ,
ווי ערשט געבוירן,
גרייט צום קאַמף, פון ערשטן רוף!

פלאַטערט וואו — אַ פאָן אַ רויטע,
רויטער נאָך איך ווער.;
מיין נשמה — אַ באַפרייטע!
— שטאַרקער מיין באַגער. . .

קומט דער הערבסט, שטאַרק און שטורמדיק,
שטורם איך מיט אים מיט;
זינגט דער פרילינג,
מילד און זאַנפטיק;
— מער ברויזנד מיין געמיט. . .

נעמט-זשע קינדער, מיך אין רייע,
מיט אַלעמען צוגלייך;
העלפן בויען, וועלטן נייע!
— יונג בין איך מיט אייך. . .

בלייבט א סוד

ווינטן בלאָזן, ווינטן יאָגן,
קיינער ווייסט ניט — וואו צו וועמען;
ניט זיי ריידן, ניט זיי זאָגן,
שנעלער לויפן, שטאַרקער ברומען.

פּאָלגן בליקן ווייט אין רוים,
ס׳טראָגן סודות זאָך אוועק;
יאָגן ווינטן טיף אין תהום,
ניטאָ קיין אָנפאַנג, ניט קיין עק. . .

לויפן יאָרן נאָך די ווינטן,
טראָגן זאָך אין גרויען ווייטן;
קריכן טעג און בלייבן אונטן,
ניט בכח מער צו שטרייטן.

ציילן טעג, חדשים, יאָרן!
נאָר דער סוד אַנטפּלעקט זאָך ניט;
איז די צייט שוין ווייט פאַרפאָרן,
און נעמט מיט זיך די סודות מיט.

אַ חלום

נאַר עס איז געווען אַ חלום בלויז!
דער מאָרגן־שטערן איז געקומען
און האָט מיט אַ וואונק מיך גערופן,
ווייט־ווייט, אין די פעלדער ארוים. . .
דער מאָרגן־טוי — אין זילבער געשוואומען,
שטיפעריש איבער פלאַנצונגען געלאָפן. . .

איבער בערג, איבער טאָלן, פאַר טויזנדער מיילן,
וואו די זון האָט שוין לאַנג דאָרט געשיינט;
עס האָבן די זאַנגען פון תבואה׳ס ווי זיילן,
מיטן ווינטעלע זאַך גע׳סוד׳עט ווי פריינד.

מיט גאָלדענע שטראַלן, די זון האָט באַגאָסן,
די פעלדער, די וועלדער, שטאָט און דאָס לאַנד;
ס׳האָבן די שטראַלן, ווי מיט ארמס געשלאָסן,
דעם האָרעפּאַשניק געקושט אין דער האַנט. . .

„זעסט" — זאָגט דער שטערן „אַהין דו געהערסט!
דאָ איז די זון דיר אַ פרעמדע, אַ פיינט!
דאָ אטעמט דער נעבל טאָג־טעגלאַך,
דאָ איז דער גייסט אינגאַנצן באַהערשט,
דאָ ווערסטו באַהאַנדעלט ניט ווי אַ פריינט;
דיר איז דאָ אייננ, אונטערטעגלאַך!

ווען דער פרילינג רופט שוין בא יעדן א טרייסט,
שוועבט דיין נשמה אף ברויזנדע ים׳ען. . .
עס דריקט אין דיין בוזים — א ווייטיק, א קרעכץ,
טויט זיינען די רויזן, דיר שמעקט ניט קיין בלומען!

גיי דאָרט אהין, איך וועל מיט דיר מיטגיין,
דאָרט-איבער דער לבנה, וועל איך וואַכן איבער דיר;
דאָרט וועסטו בויען, גראָבן און שאפן,
ניטאָ דאָרט קיין הערשער, ניטאָ דאָרט קיין שקלאפן....

אַף יענער זייט ים

אומעטיק און לייד פון בייַנקען,
ווידער הייב איך אָן צו דייַנקען,
פון מיין קינדהייט, יוגנט־לעבן;
פאַנגען אָן זכרונות — שוועבן.

וואַנדער איך באַם ים — ארום,
אַף יענער זייט דאָרט, איז מיין טרוים,
שטורמט, זיד־עס, רוישן־וועלן;
בייַנק איך נאָך דעם טאָג א העלן.

דורשט איך נאָך די ליבע בליקן,
בייַנק איך נאָך די ווייטע גליקן,
ווערט מיין וואונש א פלאַם, — א פייער;
נאָך דער ליבער לאנד, — דער פרייער! . . .

שוואַרצע גייסטער

טומלט, פּילדערט, שוואַרצע גייסטער,
שפּרינגט דעם טייוול-טאַנץ.
צורייסט די קייט, פון אחדות — ברידער,
רייסט אַראָפּ דעם גלאַנץ.

ברעכט דעם בוים, צווייג־נאָך־צווייג,
לאָזט אים נאַקעט הייל!
פאַרניכט די פרוכט, די טרייע קעמפער,
מאַכט פון בוים א תל. . .

שפּראָצט א צווייג, פון אַלטן וואָרצל,
אַ נייער בוים וואַקסט אויס;
פרישע פּירות, יונגע קרעפטן,
מעכטיק, שטאַרק און גרויס!

טאַנצט און הוליעט, בייזע גייסטער. . .
שוואַרץ איז נאָך די נאַכט!
ס'קרייט דער האָן, ס'הייבט אָן טאָגן,
— אַ סוף צו אייער מאַכט. . .

איינם פאַר אַלע

(א פאבעל)

אַף אַ הויכן באַרג און אַף גרינע גראָז,
אַ מעשה פון אַ פוקס, אַ האָז,
— הירשן, בערן, וועלף אַ צאָל;
אינם וואַלד וואָס טיף אין טאָל,
— פאַרגאַנגען איז אַ לעמעלע מע.

אפן באַרג זיך פאַשן שאָף אַ סך,
דער פרייער הימל — זייער דאַך
דער פאַסטוך שטאָלץ, שטייט און וואַכט,
פון פרימאָרגן, ביז באַנאַכט;
— די לעמעלאַך מע.

אונערמידלעך און אין שלאָף,
וואַכט ער און ער ציילט די שאָף;
און דאָך, אַ שעפעלע אַוועק!
טיף אין וואַלד, אַ שרעק!
אַ לעמעלע מע.

נאָך אַ מאָל, דער פאַסטוך ציילט:
אוי, אַ שעפעלע אים פעלט!
און ער כאַפּט זאַך צו זיין האָרן,
וועלכן בלאָזט שוין פילע יאָרן,
— פאַר די לעמעלאַך מע!

און געבלאָזן אזוי לאַנג,
געבלאָזן און געשאלט;
דערגרייכט האָט אַזש דער קלאַנג,
צום לעמעלע אין וואַלד,
זיין לעמעלע מע!"

האָט אן עכאָ, מיט א גוואלד:
— "מע־מע" געענטפערט באַלד,
— "מע־מע" פון טיפן וואלד:
"איך וואָלט געקומען באַלד,
— דיין לעמעלע מע!"

„א בייזער וואָלף מיט לאַנגע ציין,
וואָס איז געמאַכט פון שטאַרקסטן ביין,
האָט מיר פאַרצאַמט דעם וועג,
און לאָזט מיך ניט צוריק!
— דיין לעמעלע מע!"

און ער וויל פאַרצוקן מיך!
קאָנסט נאָך העלפן, קום אַף גיך!
נאָר נעם מיט דיר דיין וואפע מיט!
אז ניט וועט זיין צו שפּעט! . . .
מע־מע! מע־מע!

קאָן דער פאסטוך פאַרט ניט גיין,
ווייל זיין סטאַדע וועט פאַרגיין. . .

„זאָל מיר בעסער פעלן — איינס!
איידער פילע — איינס־נאָך־איינס. . .
פון מיינע לעמעלאַך מע!“

אַ פּראָלעטאַריש קינד

פּאַפּאַ, קויף מיר שיכעלאַך,
זעקעלאַך און קליידעלאַך,
און אַ הוט מיט בלימעלאַך,
ווי בא אַלע מיידעלאַך.

אָט אַזוי ווי ביילקעלע,
— אונזער שכנות מיידעלע,
האָט אַ נייע קליידעלע
און אין האַנט — אַ ליאַלקעלע.

ביילקעלע האָט חברטעס,
וואָס שפּילן זאַך מיט איר,
און אַף מיר קוקט קיינער ניט,
זיי לאַכן נאָר פון מיר.

מיין ליאַלקעלע,
— אַ שטרויענע,
מיין קליידעלע,
— אַ צוריסענע!
די זעקעלאַך,
— מיט לעכעלאַך,
און מיט קרומע
— שיכעלאַך!

ליבער, זיסער, פּאַפּעלע!
קוק, ווי איך זע אויס!
כ׳בין ניט מער קיין קליינינקע,
זעסט, ווי איך בין גרויס! . . .

שנייט, גזלנים!

(ערב מיין אפעראציע, ז נ״ב טאג
פון מיין אסתרל׳ס געב.־טאג)

צושנייט אף שטיקער מיך, דאקטוירים!
כ׳וועל היינט סיי־ווי גארניט ליידן.
שנייט ארויס, צושנייט די געדערים!
ס׳קאן מיין יום־טוב,
— דער מעסער ניט צושניידן. . .

* * *

מעג די וועלט מיט שווארצע וואלקנס זיין פארצויי
וועט קיין זאך וואס לעבט, מיר היינט ניט קאנען שטערן.
איך וועל בלויז פארמאכן מיינע אויגן;
און פאר מיר וועט שיינען העל
— א שטערן! . . .

* * *

היינט אכט יאר, כ׳בין איר הייבאם דאן געווען,
כ׳האב „זי" מיט מיינע הענט אליין „גענומען"
ס׳איז דאן אין אונזער הויז, א פרייד, — א הייליקע געווען;
א מלאך, איז אין שטוב צו אונז
— אריינגעקומען!

* * *

נעלינגט אייך ניט! — אן איבעריקן שניט אין נו׳י: . . .

האַלט נאָך אוויילע אויף — מיין האַרץ, מיין מח. . .
איך הער פון ווייט אַן עכאָ, אַ נאָענטער רוף;
ווײַל איך זינגען היינט,
— זינגען — כאָטש אַן כּח. . .

* * *

ווײַל איך זינגען לידער, זינגען אַזוי לאַנג!
כאָטש איך בין באַרוישט פון בייזן שלאָף־געטראַנק. . .
און אפשר זינג איך איצט שוין גאָר מיין לעצט געזאַנג?
איך פיל אַרום מיר טומלט,
— פּלאָנטערט מיין געדאַנק. . .

* * *

ס'ווערט קאַלט, ס'פאַרגליווערט מיר די בלוטן,
און ווער וואָגט דאָרט וויינען! — וויינען ווען איך זינג!
אָה, דאָס איז דאָך מיין אייגן „איך" — מיין אייגן שטן;
וואָס לאַכט מיך אויס
— און צאַמט מיך אין זיין רינג!...

* * *

האָסט אָפּגעלעבט אַריבער פופציק יאָר,
מיט בלויז אַביסל גליק און מערער פּיין און צער ;
און טאָמער וועט עס ניט געלינגען גאָר? . . .
וועסטו שטאַרבן, — שטאַרבן,
— אַן אָפּגעלעבטער נאַר.

* * *

אַוועק דו בייזער שטן, אַוועק פון מיר מיין „איך"! . . .
ביזטו דען געקומען שרעקן מיך אַצינד?

אפשר ווילסטו כ׳זאָל וידוי זאָגן מיט זיך?
אויב איך האָב געזינדיקט,
— אין וואָס באַשטייט מיין זינד?

* * *

און איר? — איר וואַרט שוין מיט די מעסערס אויסגעצויגן!
שנייט, גזלנים! איך וועל זאָך סיי-ווי־סיי ניט ווערן.
איך וועל בלויז פאַרמאַכן מיינע אויגן;
און פאַר מיר וועט תמיד שיינען,
— העל א ליכטיק שטערן. . .

מיין פרילינג

דער ווינטער קומט,
א מורא, קאלט!
ס'פאלן בלעטער,
געלע, אלט.
ס'פייפט דער ווינט
און רייסט מיט גוואלד,
ס'ציטערט יעדער
בוים אין וואלד.

מיר איז אָבער
אזוי ווארים,
פרילינג איז
בא מיר אין הויז.
כ'האלט א מיידעלע
אין ארם,
דופטיק, שיין;
אַ פרישע רויז.

אייביק וועל איך
זי באהאלטן,
פון דעם ווינט
און פראָסט דעם קאלטן.
טיר און טויער
וועל איך פארשפארן,
אום מיין בלום
זאָל ניט פארדארן.

צום שכור

וואָס האָסטו זאָך אזוי פאַרטראַכט,
מיין אומבאַקאַנטער פריינט!
וואָרום זיצטו אזוי באַזאָרגט
און איינזאַם — היינט?
אָבוואָל מיר האָבן זאָך
נאָך ניט באַקאָנט געמאַכט,
דאָך דערציייל, וואָס האָט דיך,
אהער אין שיינק געבראַכט?

האָט די וועלט מיט איר אילוזיע,
דיך אזוי באַטריבט!
אדער גאָר אין איינער
פון די מיידלאָך זאָך פאַרליבט?
אפשר האָסטו ביז א פעניג
פונקט ווי איך — פאַרשפּילט,
און די צרות, לייען, באָרגן,
האָסטו איצט דערפילט.

נאָר אויב, דאָס זאָל זיין
דיין טרויער און דיין זאָרגן,
פאַרגעס דעם נעכטן, דעם היינט,
קעמף איצטער פאַרן מאָרגן!
ווייל וואָס ביז איצט געווען,
מוז פאַרבאָרגן ווערן;

און דער שפּעטער,
וועט פאַר אַלע בעסער ווערן!

זעסטו ווי מיין קאָפּ,
איינגאַנצן גרוי געוואָרן,
כאָטש איך בין ערשט,
פערציק יאָר געוואָרן.
בירזשע־ספּעקולאַציעס,
פלעג איך שפּילן,
איצט פאַר ברויט,
מוז אין שיינק — די פּיאַנאָ שפּילן!

איך האָב אויך נאָך נעכטנס,
שטאַרק געביינקט,
פון נייע מאָרגנס,
האָב איך קיינמאָל ניט געדיינקט;
ביז איך האָב דעם היינט,
זיין פּנים גוט דערזען!
איצט וויל איך דעם שפּעטער,
גיך דערזען.

ניט קיין גוטן טרייסט,
האָסטו אויסגעקליבן;
ווייַן, האַלוצינאַציעס,
— פאַרביטערט דיר דאָס לעבן!
ניט דער ווייַן צום טרינקען,

קאָן די זאָרג פאַרמיידן,
בלויז אַ רעוואָלוציע,
— וועט אָפּשאַפן די לײדן! . . .

מאָרגנס וועלן ווידער זיין

א נאַכט — א האַלב־צעטומלטע,
א שווערער לאַסט — אױף מײַן געמיט,
די מוזע — אַ פאַרדרימלטע;
ערוואַכט די סטרונעס
פאַר אַ ליד.

זאָל מײַן ליד אַהין דערגרייכן,
און מײַן טראַכט דאָרט איבערגעבן,
דורך טאָל און טורם, בערג און טײַכן;
די טעג די גרויע
פון מײַן לעבן.

אױף אַלע וועגן וואַרט דער טויט!
פליגלט אױף מײַן שווערן גוף,
איך בין האַלב געווען שוין גרייט. . .
צו פאָלגן
פון דעם טויטן-רוף.

לאַנגזאַם, שטיל, באַם אונטערגאַנג,
דערוואַכט א שעה נאָך מאָרגן־שײַן;
שטילער שווייגן מיט פאַרלאַנג!
מאָרגנס זאָלן
ווידער זײַן. . .

מאָרגנס פילע, ווייסע שעה׳ן,

נאָך דעם ברויז פון צער און פּיין!
ציילט דער זייגער נייע שעה'ן;
מאָרגנס נייע
זועלן ווידער זיין.

לעבן כאָטש איך לייד

נעבט פאַרוואָגלטע, לאַנגע טעג אין צווייפל,
און דער אומעט, מיט גערדאַנקען שוואַרצע;
פאַלן מיר צו לאַסט די לאַנגע יאָרן. . . .
שעלט איך יענעם טאָג,
— וואָס איך בין געבוירן.

קריג איך אָפט מורא פאַר מיין אייגן שאָפן,
ס׳רעט די מעלאַנכאָליע מיט א טריל — א ציטער! . .
ס׳וויינען מיינע לידער ווי בא א שלאָפן;
פון אן איינזאַם לעבן
— אזוי ביטער. . .

כ׳וואָלט מיין אייגן גוף געבראַכט צום טויטן־שוועל,
ווי אלעם אן א שטרעבן, רואיקייט און שטיל;
שוועבט אויף אין מיין זכרון — חברים אזוי טייער!
וואָס גיט מיר נייעם גייסט,
— נייעם לעבנס־פייער. . .

טוליען מיך חברים — נאָענטער צו זיך צו,
פאַרשעמט זאך דאן מיין צאָרן, פאַרוואַנדלט זאך אין רו.
מוט אין זייערע ווערטער, טרייסט אין זייערע רייד;
וויל איך לעבן, קעמפן!
— לעבן — כאָטש אין לייד.

עבאָס

עבאָס, עבאָס אין די טויזנדע,
ריידן פון א האַרץ — א ברויזנדע;
ס׳האָט א קרעכץ — א סוד דערציילט. . .
מיר דיין אומעט — מיטגעטיילט!

כ׳האָב דיין זיפץ פון ברוסט דערפילט,
און מיט אים זאַך איינגעהילט. . .
דיינע שמערצן, ליידן, זאָרגן,
טראָג איך מיט, בא מיר פארבאָרגן.

קוועלן הערצער, צוויי זאַך — עלנדע,
ליידן ביידע, ליידן — קוועלנדע;
ליידן זעלן, צוויי אין פריידן,
באָטש זיי זיינען, ווייט צושיידן.

נאָך אַ לידל

מאַנאַטן און יאָרן,
זיי שווּעבן אַוועק,
די טעג פון מיין לעבן;
— שוין האַלטן באַם עק. . .

ס׳צאַנקט שוין דאָס ליכטל,
ס׳לעשט זאַך באַלד אויס!
און מעגלאַך איך הויך,
שוין מיין אָטעם ארויס! . . .

העלף־זשע מיר מוזע,
ווייל קורץ איז דער שטרייט;
האַלט אָפּ! דעם גרויזאַמן,
— טויט נאָך אַ צייט!

דעק אָפּ דעם שרעקלאַכן,
וואַלקן פון מיר;
כ׳דאַרף נאָך אַ לידעלע,
— שרייבן צו איר! . . .

דאָס לעצטע וואָרט פון אַ רעוואָלוציאָנער

(דעקלאַמאַציע)

"האָסט עפּעס צו זאָגן אָנגעקלאָגטער,
דו האָסט דער לעצטער דאָס וואָרט;
זיי זאַך מודה, דיין שטראָף — קאָן זיין לייכטער,
זאָג, וואָס ווייסטו דעם פּאָרט! . . .

* * *

אַניט ווערסטו פאר'משפט צום טויט!
דיין פארברעכן איז אָנערקענט געוואָרן,
און ווי די היילקע געזעצע לויט,
אויף דער תליה — געהאָנגען צו ווערן! . . .

* * *

דו ביזט גע'משפט פאר א מאָרד,
וועלכן דו האָסט געוואָלט באַגיין;
האָסט פארפּלייצט מיט באָמבן דאָס אָרט,
צו מאָרדן דעם קסר — אליין!

* * *

דעם וואָס גאָט האָט דערוויילט,
צו הערשן איבער דער מאסע ;
וואָס ווערט דאָרט אין הימל געציילט,
איינער פון דער געטליכער ראסע!

* * *

און ווער אזא פארברעכן באַגייט,
דער זינדיקט זאָגאר קעגן גאָט!
ווי אין דער תורה שטייט,
אזא זינדער — זאָל שטארבן אפן עשאפאט! . .

נו, אומגליקלעכער, וואס שוויגסטו?
מיר קאָנען דיר העלפן, דעם משפּט — באַנייען,
ווער האָט דיר געהאָלפן, זאָג אַלעס, וואָס ווייסטו?
מעגלאך מיר וועלן דיך אינגאנצן באפרייען.

* * *

מיט שטאָלץ האָט דער אָנגעקלאָגטער,
געמאַכט אַ טראָט פאָראויס,
פון געפיינגנים א פארפלאָגטער;
האָט ערוואַכט — א ריזן-גרויס!

* * *

„איר ווילט מיר דאָס לעצטע וואָרט ניט פארבאָטן,
און א לייכטערע שטראָף מיר איצט געבן?
נאָר איר פאָדערט אַ פּרייז, מיינע חברים פארראטן;
אום זיי צו בארויבן פון קאמף און פון לעבן! . . .

* * *

ניט גענוג אייך איר הערשער פון שקלאַפן,
וואָס איר באָד זאַך אין אַרבעטער בלוט;
איך זאָל אייך מיינע חברים פארשאפן,
צום מאטער-טויט — דורכן אייזערנעם קנוט! . . .

* * *

ניין, טיראַנען! איר וואַגט שוין צו פיל!
מיר זיינען מעבטיק, מיט קאמף און מיט ראכע!
מיינע חברים — זיי ציילן זאַך פיל! . . .
זיי וועלן אַף אייביק פאַריאָגן די רייכע. . .

* * *

איר זאָגט א פארברעכן, האָב איך געוואָלט באַגיין,
אפשאפן א הערשער פון דער וועלט,
אַזעלכע פאַרברעכנס, וואָלט איך טויזנט באַנייען,

כ'וואָלט צושמעטערט דאָס גאַנצע געצעלט. . .

* * *

מיר טוט נאָר לייד, וואָס כ'האָב ניט געטראָפן,
געאײַלט זאָך אביסל צו שנעל.
געוואָלט האָב איך דאָס גאַנצע געזינטל אפּשאָפן,
זיי צורייסן, און פון זיי מאַכן א תל! . . .

* * *

איך בין פון פאָלק וואָס איר האָט פארהונגערט,
אין געפענגנים לאָזט איר אונז שמאַכטן!
איר האָט די פרייהייט אינגאַנצן פארהינדערט,
און האַלט אונז טאָג־טעגלאָך אין שלאַכטן! . . .

* * *

דאָס פאָלק האָט דערוואַכט, פאַר פרייהייט און ברויט!
און וועט שאַפן א לעבן, פון גלייכהייט און רעכט;
מיך וועט איר הייגען, — טויזנדער שוין גרייט,
וואס וועלן אפּשאַפן הערשער און קנעכט! . . .

אויגוסט, 1900. ז

אַ טרעוואָגע אין הימל

(נאָך מיין אפּעראַציע)

ווידער זאָך ארויסגעדרייט
פון בייזן מלאך־המות,
אים דערציילט מיין יחוס,
אויסגערעכנט אַלע אבות:
„נאָר אויב דו מוזט מיך נעמען,
קומט מיר איצט גן־עדן;
ווייל גיהנום האָב איך שוין
— געליטן מער פון יעדן.

2

דערהערט מיין יחוס,
איז ער פאַרשוואונדן ווי א וויכער!
אַוועק צו־בלעטערן זכרונות,
אין גאָר די אַלטע ביכער. .
געבלעטערט און געגישטערט,
ניטאָ אַזעלכע נעמען!
האָט ער זאָך צו גאָט געווענדעט,
— ער זאָל צו הילף אים קומען.

3

א קלאַפּ־געטאָן האָט דער הער גאָט,
מיט זיין קרומען שטעקן,
אזש געציטערט האָט דער הימל,
פון אַלע זיבן עקן.

„די חכמים ברײנגן מיר גלײך!
אַלע רוף צוזאַמען!
וואָס שוועבן אין חלומות דאָרט,
— אין דעם רוים דעם גראַמען.״

4

וואָס זײַנען דאָס פּאַרא אָבות,
ווער זײַנען דאָרט די לײַט?
און פון וועלכע לענדער
און פון וועלכער צײַט?
וואָס דער מענטשל דאָרטן אונטן,
שטאָלצירט מיט אַזאַ גרויס!
און לאַכט פון מלאך-המות
— און טרײַבט אים נאָר ארויס!

5

ס׳הויבט זאַך אויף א צדיק,
פון זײַן כסא־אָרט
און בעט דעם גרויסן האר,
צו געבן אים דאָס וואָרט:
מיט א קול פון שרעק און כעס,
פאַנגט ער אָן צו רײדן:
„קאַרל־מאַרקס און ענגלס,
— כ׳האָב געקאָנט זײ בײדן״ ! . . .

6

דיזע זײַנען אין די ביכער,
בא אונז גאָרנישט אַרײַן!

זיי מוזן בא דיין „זון״,
אין זיינע ביכער זיין!
ווייל זיי זיינען דאָך גע׳שמד׳טע,
— גוים גאָר געוואָרן;
און אפשר זיינען יענע ביכער,
— אויך שוין גאָר פאַרלאָרן! . . .

7

און לענין, זיין פּאַרטיי,
אין רוסלאַנד איצט דער האר,
דאָס האָט זי, צו אונז געשיקט
אָט דעם געזאַלבטען „צאַר״ . . .
זי, האָט דאָס פאַריאָגט די רייכע,
פאַרטריבען זיי פון דאָרט!
און די פּויערים און אַרבעטער,
— פאַרנעמען זייער אָרט! . . .

8

הייסט עס, א לינקן, א באָלשעוויק,
ווילסטו ברענגען אַהער?
ער זאָל מאכן רעוואָלוציעס,
— אויך דאָ אן איבערקער!
איז דאָס טאַקע דאָרטן אונטן,
אזוי ווייט דערגאַנגען;
אז יענע חברה האָבן שוין
— יעדן לאַנד געפאַנגען?

9

גיי און מאך א קרייץ,

— א רויטן צייכן אַף זיין טיר,
כדי דו זאָלסט ניט דארפן ברייננען,
— אים — צו מיר!
צדיקים טויזנט,
ברייננ מיר אַף זיין אָרט!
און אים דעם ימח־שמו,
— לאָז בעסער איבער דאָרט!״

אייפערזוכט

נאכט, אה, טונקל־שווארצע נאכט!
האסט די העלע ליכט, פון זון פארדעקט.
פארוואנדעלט מיך א שלאפלאזן אין טראכט,
אלע סודות האסטו מיר אנטפלעקט.
און געבראכט,
א פארדאכט;
אה, נאכט!

האט די זון איר לעצטן שטראל פארלאשן,
האסטו "זי" מיט א שווארצן מאנטעל איינגעדעקט,
ס'האבן בערג און טאלן, צוזאמען זאך געשלאסן
און אין מיר האסטו א מורא און א חשד ערוועקט. . . .
ענדעקט,
געוועקט,
און ערוועקט!

און אין געדאנקען פיל פארפלאנטערטע. . .
און מיט ווערטער ניט פארענדיקטע;
כאטש איך רעד צו זיך אליין,
פון חלומות פילע, וואס געוועז. . .
וואס געוועזן,
און ווי ריין!
אה, ווען?

ליג איך מיט פארגלאצטע אויגן און טראכט:
קוק איך אין טונקעלהייט אריין. . . .

ווי א שאָף א טויטע, — נאָך דער שלאַכט,
וואו עס זעט ניט מער, קיין שטן — ניט קיין שיין.
און דער ווינט מיט וויי,
ברייננגט א הענער-קריי!
איילע׳ם גריליץ־געשריי. . .

און ווידער ווערט עס שטיל און שטום,
נאָר דאָס הארץ, עס קלאַפּט אראָפּ, ארויף. . .
א טויטע שטילקייט רוט, ארום־ארום,
און מיין אויער כאַפּט דאָס קלאַפּן אויף. . .
אראָפּ, ארויף,
אומזיסט דיין רוף!
עס נעמט א סוף. . .

מיין הארץ מיט בלוט עס טריפט, כ׳בין באַזיגט!
ווי פאַראורטיילט בין איך איצט, אף לעבן־לאַנג. . .
אלעס איז פאַר מיר פאַרצאַמט, כ׳בין באַטריבט!
— איך דריי אין דרייען זאַך צוזאַמען, ווי א שלאַנג. . .
אָה, ווי לאַנג!
ווייטאָג, באַנג!
אזא געדראַנג!

ווי א וואָרים אין מיין ברוסט, האָט זאַך אריינגעפרעסן,
די אויפערזוכט — און האָט זאַך דאָרטן טיף פאַרבאָרגן!
און זויגט מיין זאַפט און האָט זאַך נאָך ניט אָנגעגעסן!
ראַק זי נאָגט און שאַפט מיר נייע זאָרגן. . .
נאַכט און מאָרגן,
צרות, זאָרגן!
וואָס פאַרבאָגן. . .

ליג איך אָן באַוועגונג און איך הער זיך איין,
אַ קערקער איז געוואָרן מיין אייגן בעט פאַר מיר!
איך וואַרט, אפשר קומט נאָך ווער צו מיר אַריין?
פיליייכט וועל איך דערהערן סקריפּן מיט דער טיר?...
און דאַן!...
וואָס וועט זיין?
וואָס וועט זיין?

און דאַן וועל איך פאַר אַלעמען דערציילן:
כ'וועל אויפדעקן, מיין צעווייטיקט האַרץ;
מיין האַרץ, וואָס קיינער קאָן שוין מער ניט היילן!
ווייל עס ווערט צוריסן פון מיין אייגן שמאַרץ...
אָה, מיין האַרץ!
ווייטיק, שמאַרץ!
מיין צובראָכן האַרץ...

און די כמאַרנע מאָרגנס, אַזוי גרוי!
פיל איך פויל — אַרויסגיין פון מיין בעט;
נאָס, גליטשיק, איז דער באָדן פון'ם טוי,
בלייב איך ווידער צוגעשמיט ווי אַ ברעט...
און מען וועט,
מיך קיינמאָל ניט;
נעמען לעבעדיק פון בעט...—

אַלץ איינס
(פון א שכור)

(דעקלאַמאַציע)

אָבער גוט איז בראָנפן, ווײַן!
גיס איך אַ פּאָר גלאָז אַרײַן!
וואַרעמט מיר אין אַלע גלידער;
זינג איך מיר זכרונות-לידער:
אַך, צום טײַוול!
אַלץ איינס. . .

„זי" איז דאָך שוין לאַנג פון מיר אוועק,
וואָס האָט מײַן האַרץ געגלעט ווי סאַמעט,
מיט אַ רײַץ מיט פײַער־ווערק. . .
ביז צו שכרות, ביז צום אומעט!
אַך, צום טײַוול!
אַלץ איינס. . .

מײַן טאַטע האָט פאַר שאַנדע מיך פאַרטריבן,
פון צרות איז מײַן מאַמע אָפּגעשטאָרבן,
ווער איז מיר דען איצט געבליבן?
— דער שײַנקער —נאָך מער ווי איך פאַרדאָרבן.
אַך, צום טײַוול!
אַלץ איינס. . .

נעם איך אַ טרונק בראָנפן אַלע ווײַלע,
דרייט זאָך די לבנה, טאַנצן אַלע שטערן,
„זי" מײַן ליבסטע — שײַנט אַרויס פון אַלע!
און איר זיסע שטימע לאָזט זאָך הערן. . .
אַך, צום טײַוול!
אַלץ איינס. . .

האָט די וועלט מיר וואָס געגעבן?
האָב איך וואָס דערגרייכט אין לעבן?
געוויקלט מיך אין טרוימען־וועבן;
לאַנג שוין האָפנונגען אויפגעגעבן!
אַך, צום טייוול!
אַלץ איינס. . .

אָפט ווערט דעם שיינקער׳ס טיש פאַר מיר א בעט,
וועקן זאַך פאַנטאַזיעס פון אַמאָל,
מיין געליבטע אַרמט מיך און גלעט. . .
פריידן־טרערן גיס איך אָן א צאָל!
אַך, צום טייוול!
אַלץ איינס. . .

וואו זיינען די חברים וואָס איך האָב געהאַט?
מיט בראַנפן, וויין, — געהאָדעוועט צו זאַט!
מיין לעצטן גראָשן אויף דער העלפט צוטיילט;
א חבר, האָט קיינמאָל מיר ניט געפעלט. . .
אַך, צום טייוול!
אַלץ איינס. . .

ווער האָט דען מיין ליבסטע צוגענומען?
ווער האָט מיך צו מיין שטאַנד געבראַכט?
דער — וואָס כ׳האָב צו זיך אריינגענומען;
און פאַר מיין בוזעם־פריינד געמאַכט!
אַך, צום טייוול!
אַלץ איינס. . .

אָבער יענע נאַכט, קאָן איך ניט פאַרגעסן!
דער הימל — אָפן הויכן בארג געזעסן,
און אין מיין שטוב קיין סימן ניט פון לעבן:
בלויז אַ צעטל — אַ ווייס, מיט שוואַרץ פאַרשריבן;
אַך, צום טייוול!
אַלץ איינס...

„פאַרגיב, מיין ליבער, כ'גיי פון דיר אוועק...
נאָכמער, איך בעט דיך, פאַרגיב אונזביידן!"
אַה, ווי עס שוידערט מיך מיט שרעק!
געליבטע, חבר, —ביידע לאָזן מיך אין ליידן...
אַך, צום טייוול!
אַלץ איינס...

וואָלט די קויל געטראָפן דעם פאַרפלוכטן שאַרבן,
וואָלט מיר דאַמאָלט לייכט געווען צו שטאַרבן!
האָבן אָבער מיינע נערוון דאַן געציטערט;
לעב איך איצט אַ טויטער, אַ לעבן — אַ פאַרביטערט!..
אַך, צום טייוול!
אַלץ איינס...

היי! פריינט שיינקער, נאָך אַ פלאַש דערלאַנג!
דערטרייינקען מיינע צרות, מיט אַ טרונק, געזאַנג;
אַך צום טייוול, וואָס האָב איך דען אָנצואווערן!
אַלץ־איינס דאָך אַלעס שוין פאַרלוירן...

דער הילכיקער געלעכטער

שיין און נאָך דער מאָדע, האָט זאָך פרילינג אָנגעטאָן
אין גרינע קליידער;
זאָך באַפּוצט מיט בלומען פון אַלערליי קאָלירן,
וואָס האָבן זאָך צובליט;
און האָט אויפגעוועקט אפילו די קאַלסטע הארץ,
צום געניסן פון לעבן.
ווידער האָט עס מיך אהין געצויגן, וואו כ'האָב דיך
דעם ערשטן מאָל דערזען;
אין דיינע מילדע־בלויע אויגן ווי די שטערן
פון די הימלען,
שוועבנדיק די ריינע אונשולד — האָב איך
אין זיי דערזען.
פאַרטאָג, באַגינען, ווען דער פרישער טוי האָט זאָך
נאָך געזילבערט,
ניט האָבנדיק געשלאָפן, בין איך אַרונטער
פון מיין בעט;
צו יענעם גאָרטן בין איך געלאָפן, וואו אַלץ האָט אַזוי
געצערטלט און געגלעט.
ס'האָט אַ ווינטעלע געשטיפט ארום די בוימער און האָט
מיט זיי בסוד גערעט:
און פון מיין געוואוינהייט האָב איך זאָך אויף יענער
לאַנגער באַנק געזעצט.
וועלכער האָט אין זיך פאַרבאָרגן אַלע סודות, זאָך געזעטיקט
מיט אַלעמענס פרייד!
אונגעדולדיק בין איך געזעסן און געוואַרט, אפשר וועסטו
פאָרט נאָך קומען!

און ווידער וועסטו אין דיין וועבן-פאַנג
— מיך צאַמען?
אונזערע נשמות וועלן זאך פאַראייניקן ווי
אַמאָל צוזאַמען:
מיט זיך, האָב איך פאַר דיר געבראַכט, נייע,
פאַרפאַסטע לידער,
און אסך פאַנטאַזיעס, נאָך וועלכע דו האָסט זייער
פיל געגערט. . .
אויף מיין ברוסט פלעגסטו דיין קאָפּ אנשפאַרן
און מיט שטוינונג הערן:
מיט דיינע קליינע צאַרטע פינגער, אריינקלאַמערן אין מיינע
לאַנג-געקרויזטע לאָקן.
אונטערן אויסגעפילטן, רונדן בוזעם, האָט פון אויפרעגונג
דאָס הארץ באַ דיר געטאַנצט!
מיט א רייץ און פייער-פלאַם, האָט אין דיר געגליט
— דיין יוגנט!
און איך מיט ליבע, האָב דיין אטעם איינגעשלונגען און נאָך
מער געווען באַצויבערט!
האָסט אריינגענומען דיין נשמה, טיף אין מיינער
מיט פאַרלאַנגען! . . .
נאָר איך האָב מורא געהאַט די הייליקייט פון ליבע
— צו פאַרשוועכן. . .
ווייל איך האָב געדיינקט, אז עס איז מאָראַליש
א פאַרברעכן!
נאָר דיר, איז שווער געווען בייצושטיין דעם קאַמף
און ביטערן נסיון! . . .
ביזטו מיט א האַס פון מיר פאַרשוואונדן, און איך
האָב ניט פאַרשטאַנען.

און מאָג־נאָך־טאָג, בין איך אהין געגאנגען
און געוואַרט!
מיט קינדערשע חלומות, — אפשר אפּלעשן אין דיר
דיין שטאַרקן כעס!
פּלוצים, האָב איך יענעם אַלטן בוים
דערזען,
אַף וועלבן דו האָט מיט שווערער מי, מיין נאָמען
אויסגעקריצט;
און פון פרייד, האָסטו היסטעריש געלאַכט
— מיט א געוויין
ביז, ענדלאַך, — כ'האָב דיך דערזען, פּונקט,
באַם זעלבן בוים.
און ווידער מיט אַ שאַרפן שטיינדל האָסטו דאָרטן,
אויך געקריצט. . .
און אין מיין פרייד, האָט א שרעק, מיין גאַנצן
קערפּער איינגעשרימפּט!
ווייל נעבן דיר — מיט שטאָלץ, איז דאָרט אַן
— אנדערער געווען. . .
און האָסט אין "זיינע" שטאַרקע אַרמס זיך
אריינגעוואָרפן:
אָה, . . . מער האָב איך דאָס ניט געקאָנט
אויסהאַלטן!
האסטיק, בין איך צו דיר צוגעלאָפן און באַוויינט
די לעצטע שטונדע.
נאָר דו, האָסט מיט איראָניע אין מיין געזיכט
אריינגעלאַכט! . . .
און האָסט א לאַנגן קריעה־ריס אין מיין קראַנק
הארץ געמאַכט! . . .

עפּעס האָט דיין מויל געמורמלט, נאָר כ'האָב
ניט געהערט.
עס האָט דיין אייגענער געלעכטער, אַלעס מיר
צושטערט. . .
נאָכדעם, שפּעטער, האָב איך ערשט דערפילט דיין
אורטייל — א געראכטער! . . .
און אייביק, מיט א ווייטאָק, וועט מיר הילכן,
דיין געלעכטער. . .

אינהאַלט

זייט

אינם שטראַל — 3
רויטע יאַטן — 5
דער צייטונג פאַרקויפער — 9
זונטאג־מאָרגן — 11
וועלט, מיר בויען דיר אַ קינד — 13
יונג בין איך מיט אייך — 17
בלייבט אַ סוד — 19
אַ חלום — 21
אַף יענער זייט ים — 25
שוואַרצע גייסטער — 27
איינם פאַר אַלע — 29
אַ פּראָלעטאַריש קינד — 35
שנייט, גזלנים ! — 39
מיין פרילינג — 45
צום שכור — 47
מאָרגנס וועלן ווידער זיין — 53
לעבן, כאָטש איך לייד — 57
עכאָס — 59
נאָך אַ לידל — 61
דאָס לעצטע וואָרט פון אַ רעוואָלוציאָנער — 63
אַ טרעוואָגע אין הימל — 69
אייפערזוכט — 77
אַלץ איינם — 83
דער הילכיקער געלעכטער — 89